## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר דוד מענצער הי"ו

יום ג' פרשת דברים תשע"ג לפ"ק - מחנה שלום משה נייטרא

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית מילה, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. עס שטייט אין די גמרא (מנחות מב.) אז א גוי איז פסול צו מל'ן א קינד. און אין די גמרא איז דא דערויף צוויי טעמים. דער ערשטער טעם איז, ווייל עס שטייט אין פסוק (בראשית יז-ט) ואתה את בריתי תשמור. 'ואתה', איינער וואס איז אזוי ווי דו אברהם, וואס דו ביזט געמל'ט, 'את בריתי תשמור' דער קען מקיים זיין די מצוה פון מילה. די צווייטע טעם איז, ווייל עס שטייט א דאפעלטע לשון, המול ימול (שם יז-יג), דרשנ'ט מען המל ימול. דער וואס איז אליין געמל'ט, דער קען מל'ן א צווייטען. טאמער ער איז אליין נישט געמל'ט, קען ער נישט מל'ן א צווייטען. אין יעדע זאך איז דא א ענין, וואס מען לערנט זיך אראפ דערפון אין עבודת ה', ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**מען** זעהט אז מל'ן א קינד, קען נאר איינער וואס איז אליין גע'מל'ט. מחנך צו זיין א קינד, איז נישט גענוג, וואס מען לערנט אויס פאר א קינד, וואס מען דארף צו טון. נאר עלטערן דארפן זיין א דוגמה פאר די קינדער, אין דעם זאך וואס מען וויל אז זיי זאלן זיך אזוי פירן. **דער גרעסטער חינוך איז, ווען קינדער זעהן ווי אזוי די עלטערן פירן זיך. און ווען די עלטערן זאגן נאכדעם פאר א קינד, אז מען דארף זיך פירן אזוי און אזוי, מאכט עס א רושם.** אויב א קינד זעהט נישט ביי די עלטערן, דאס וואס מען פארלאנגט פון אים, מאכט עס נישט קיין רושם אויף אים. איך זאל טון אזוי און אזוי, ווען איך זעה אז מיין טאטע טוט נישט אזוי. התהלך בתומו צדיק, אשרי בניו אחריו (משלי כ-ז), א צדיק וואס איז מתהלך בתומו, ער גייט אויפן תמימות'דיגע וועג, איז אשרי בניו אחריו, וועלן זיינע קינדער אויך גיין אויפן זעלבען וועג. אשרי איש ירא את ה', במצותיו חפץ מאד (תהלים קיב-א), ער איז א ירא ה', און במצותיו חפץ מאד, מער ווי געוועגליך. גבור בארץ יהיה זרעו, דור ישרים יבורך, לאזט עס איבער א רושם אויף די קינדער.

**מילה** איז דאך די כניסת ברית פון א קינד. עס שטייט אין **רמב"ם** (מורה נבוכים ח"ג פרק מט) אז מילה איז מחליש כח התאווה. ווען א טאטע ברענגט אריין זיין קינד דעם ערשטען מאל אינעם ברית פונעם אייבערשטען, לערנט ער אים אויס, אז מען דארף זיך מל'ן, מען דארף מחליש זיין די כח התאווה. אויב דער טאטע אליין האט נישט געמל'ט זיינע תאוות, ער איז נישט מחליש זיינע תאוות, אבער ער איז א פרומער אויפן קינד, דאס קינד גייט ער מל'ן, אזא מילה מאכט נישט קיין רושם. ווען דער טאטע אליין קען נישט עומד זיין ביי זיך, און מחליש זיין זיינע תאוות, נאר פארן קינד זאגט ער, אז מען דארף זיין ערליך, דאס איז נישט קיין מילה. המול ימול, המל, דער וואס האט זיך אליין געמל'ט, ימול, דער קען נאכדעם מל'ן דאס קינד. דער וואס איז אליין ביי די מדריגה, ער פירט זיך ערליך, דער קען דאס נאכדעם איבערגעבן פאר די דורות ווייטער.

**פנחס** האט מקנא געווען קנאת ה', און דער אייבערשטער האט געזאגט, הנני נותן לו את בריתי שלום, והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם (במדבר כה-יג), עס וועט זיין פאר אים, און פאר זייינע קינדער, א ברית כהונת עולם. לכאורה דארף מען פארשטיין, יעדע כהונה איז אויך פאר זרעו אחריו. אז דער טאטע איז א כהן, איז דער זון א כהן. אז פנחס איז געווארן א כהן, וועט דער זון אויך זיין א כהן. וואס האט די תורה מדגיש געווען, אז עס וועט זיין פאר די קינדער אויך.

**נאר** דער פשט איז, עס איז נישט א ציווי, וואס דער אייבערשטער זאגט, אז איך געב איבער כהונה פאר דיינע קינדער אויך. נאר עס איז א הבטחה פונעם אייבערשטען, אז מען האט א

טאטע וואס איז מקנא קנאת ה' צבאו'ת, און די קינדער זעהען, אז דער טאטע פנחס, האט מסירת נפש מקנא צו זיין פארן אייבערשטענ'ס וועגן. זאגט די תורה, והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, אויב דער טאטע איז מקנא קנאת ה', וועט דאס אויך משפיע זיין אויף די דורות שפעטער.

**קומט** אויס, אז מצות מילה לערנט אונז, אז אזוי ווי ביי מילה האט די תורה געזאגט, אז נאר איינער וואס איז א בן ברית, דער קען מל'ן. אזוי איז אויך שפעטער ביי חינוך פון די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. ווען מען טיילט איין פאר די קינדער, אז אזוי דארף מען לערנען, און אזא סארט שידוך דארף מען טון, און אזוי דארף מען טון מעשים טובים. דארף מען וויסען, אז עס ווענדט זיך, ווי אזוי דער טאטע פירט זיך אויף, און לויט דעם קען מען מחנך זיין די קינדער. כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ווען ער איז אריינגעגאנגען לברית, האסטו נישט געקענט נעמען יעדען איינעם, וואס זאל אים מכניס זיין לברית, נאר האסט געדארפט נעמען איינעם וואס איז עס אליין אדורכגעגאנגען, דער קען מל'ן. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, שפעטער ווען מען וויל אים מחנך זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל מען געדענקען די נקודה, אז וואס מען טוט אליין, דאס קען מען איבערגעבן פאר די דורות.

## ביקורו של כ"ק האדמו"ר מראמיסטריווקא שליט"א אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

יום ד' פרשת דברים תשע"ג לפ"ק - במחנה מתיבתא נחלת יעקב וויען

**רבינו:** איך האב געזעהן צוברענגען פונעם **ישמח משה**, אז **רבי אייזיק'ל זידיטשובער** איז אמאל געווען בי אים אין איהעל אין די ניין טעג, און ער האט געהייסען מאכען א פליישיגע סעודה, א סעודת מצוה, לכבוד א תלמיד חכם וואס איז געקומען צו אים. און דער **ייטב לב** האט מפציר געווען דעם זיידען, דעם **ישמח משה**, אז ער זאל אים בעטען, אז ער זאל פארבלייבען דארט אין שטאט אויף שבת. און דער **ישמח משה** האט נישט געוואלט. ווייל דעמאלטס איז שבת געווען ערב תשעה באב. און ער האט געוואוסט אז **רבי אייזיק'ל זידיטשובער** וועט ארייננציען מיט שלש סעודות אין תשעה באב. און עס איז געווען א אשכנז'ישע שטאט, און ער האט מורא געהאט אז..., האט ער אים נישט געוואלט לאדענען.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על פירות והפטיר:** להניח ברכה אל ביתך (יחזקאל מד-ל).

**רבינו:** ווי לאנג איז מען דא אינדרויסן.

**האדמו"ר מראחמיסטריווקא:** דריי וואכן.

**רבינו:** פארוואס אזוי ווייניג.

**אחד מהגבאים:** די רבי פרעגט, פארוואס אזוי פיל.

**רבינו:** די טירדות זענען דא ווייניגער.

**וברכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל זיין געזונט און שטארק, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה פאר יודישע קינדער, מיט הרחבת הדעת.

## בהתמנות בי"ד לעניני טעכנאלאגיע שע"י איחוד הקהלות בהשתתפות כ"ק האדמורי"ם מוויזניץ [זצ"ל], ראחמיסטריווקא, וסקולען

יום ה' פרשת דברים תשע"ג לפ"ק - בהיכל בית המדרש ישיבת וויזניץ (קייאמישע לעיק)

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, לא אוכל לבדי שאת אתכם, איך קען נישט אליין טראגען יודען. הבו לכם אנשים חכמים ונבונים, וידועים לשבטיכם, ואשימם בראשיכם (דברים א-יג). קלויבט אייך אויס, אנשים חכמים ונבונים, וידועים לשבטיכם, וואס זענען אנערקענט ביי יודען, ואשימם בראשיכם, און איך וועל זיי שטעלן בראשי ישראל. רש"י זאגט אויף 'ואשימם בראשיכם', אז עס איז חסר יו"ד. לומר שאשמותיהם של ישראל תלויות בראשי דייניהם, די אשמות פון יודען זענען תלוי אין ראשים פון די דיינים, שהיה להם

למחות, אויף זיי ליגט א חיוב מוחה צו זיין, ולכוון אותם לדרך הישרה, און זיי מכוון זיין, אז זיי זאלן גיין אויפן ריכטיגן וועג. ו'אשמ'ם בראשיכם, די אשם פון יודען, ליגט בראשיכם, אויף די ראשי ישראל.

**מיר** דארפן דאנקען דעם אייבערשטען, אז ער האט אונז איבערגעלאזט אזעלכע גדולי ישראל, זקני ישראל, וואס האבן פארשטאנען די שוועריקייטן וואס איז דא אינעם היינטיגען דור. און זיי האבן זיך אויפגעשטעלט, און ארגאניזירט דאס וואס יעדער ווייסט, אז מיט א יאר צוריק איז געווען א כינוס פון כלל ישראל, וואו מען האט צוזאמגענומען צענדליגע טויזענטער יודען, מעורר צו זיין אויף די פירצה, פון וואס מען דארף זיך היטן.

**איך** זעה אז עס איז געפונט זיך דא א גרויס טייל בחורים (מישיבת ויזניץ), אשריכם אז איר האט נישט קיין שייכות צו דעם פראבלעם, און איר קענט ב"ה היינט זיצן באהלה של תורה. אבער עס איז נוגע פאר יודען וואס זענען אינדרויסן אויף די גאס, און האבן גרויסע נסיונות אין די ענינים, און מען דארף זעהן וואס מען קען אויפטון. און די גדולי ישראל האבן זיך ארויסגעשטעלט, און מען האט ב"ה אויפגעטון גדולות ונצורות, וואס מען האט אריינגעברענגט א התעוררות אין טויזענטער יודען, צו רייניגן און מקדש זיין זייערע שטובער. און ב"ה עס האט געהאט א ווירקונג אויך אויף דעם יאר, וואס מען איז זיך ווייטער צוזאמגעקומען, און מען האט מעורר געווען דערויף.

**איך** האב געטראכט די פאריגע וואך אין די פרשה, אין פרשת מסעי, וואס די תורה הק' זאגט די מ"ב מסעות, וואו די יודען זענען אדורכגעגאנגען אינעם מדבר, ביז מען איז אריינגעקומען אויף ארץ ישראל. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדער יוד גייט אדורך די צוויי און פערציג מסעות, פון ווען ער קומט אראפ אויף די וועלט, ביז ער גייט אוועק פון די וועלט. און עס איז מסתבר, אז אלע גליות ליגן אויך אין די מ"ב מסעות. א'לה מ'סעי ב'ני י'שראל (במדבר לג-א), שטייט אין הייליגע ספרים, איז א רמז אויף די פיר גליות, א'דום מ'צרים ב'בל י'ון.

**אלה** מסעי בני ישראל, יודען האבען היינט אויך אסאך סטאנציעס, ביז מיר וועלן צוקומען אריינצוגיין צוריק קיין ארץ ישראל מיט מלך המשיח. די לעצטע סטאנציע בעפאר יודען זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז געווען שיטים (שם לג-מט). אין שיטים איז געווען די נסיונות, וואס מען האט געהאט מיט די בנות מואב (שם כה-א). און דער אייבערשטער האט אונז געלערנט, מיר האלטן א שטאפל פארן אריינקומען קיין ארץ ישראל בביאת המשיח, און אין דעם דור וועט אויך זיין די פראבלעמען, וואס עס איז געווען דעמאלטס אין שיטים. און דער באשעפער האט דעמאלטס אויפגעשטעלט פנחס, וואס האט מקנא געווען קנאת ה', און געריינגט יודען. מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטען, אז מיר האבן ביי אונז גדולי ישראל, וואס האבן גענומען אויף זיך די אחריות פון פנחס. זעהן מקנא צו זיין קנאת ה', אז מען זאל ארויפברענגען יודען אויפן ריכטיגן וועג.

**אבער** אין די זאכען מאכען זיך אסאך שאלות, און אסאך פראבלעמען, וואס מען דארף שטענדיג דן זיין דערויף בכובד ראש. האבן די רבנים פון די שטאט, סיי פון וויליאמסבורג, און סיי פון בארא פארק, און סיי פון מאנסי, זיך צוזאמגענומען און מען האט ממנה געווען דריי גדולי ישראל. הבו לכם אנשים חכמים ונבונים, וידועים לשבטיכם, ואשימם בראשיכם. מען האט מכתיר געווען די דריי רבנים וואס זענען דא, אז זיי זאלן נעמען אויף זיך דעם עול, וואס עס איז נוגע צו טעכנעלאגיע. זיי זענען חכמים, און נבונים, און ידועים לשבטיכם. 'חכמים' זיי זענען אלע גרויס אין תורה. און אויסער תורה דארף מען זיין 'נבונים' אויך, וויסן אביסל אין וועלטליכע זאכען, וויסן וואס איז דער נסיון, און וואס מען דארף טון, און וואס מען קען נישט טון. **ביי** דעם מעמד, בשליחות פון די אלע רבנים פון די שטעט וואס מען האט פריער אויסגערעכנט, איז מען מכתיר די דריי רבנים. **דער גאלאנטא רב זאל זיין געזונט, דער טאהש'ער דיין, און דער**

נייטרא רב פון מאנסי. דער אייבערשטער זאל זיי געבן אסאך סייעתא דשמיא און כח, צו קענען טון וואס מען דארף צו טון. ואשימם בראשיכם, קענען זיין עומד בראשיכם, אויפצוטון להגדיל תורה ולהאדירה. עס איז זיכער, אז דער זכות פון די גדולי ישראל וואס זענען דא צוזאמען מיט אונז, וועט זיי באגלייטן אויפן גאנצן וועג, אז זיי זאלן קענען אויפטון, וואס מען דארף צו טון אין דעם ענין. דער אייבערשטער זאל אונז אלע געבן אסאך סייעתא דשמיא, און קענען גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**עס** איז דא א ציבור פון בחורים. אשריכם מה טוב חלקיכם, אז איר האט נישט די פראבלעמען. אבער מען דארף זיך היטן, נישט אריינצופאלן אין די פראבלעמען. עס איז דא אמאל חברים, וואס איינער טוט צורעדן דעם אנדערן, וכדומה. מען דארף זיך האלטן פעסט, וויסן אז מען טאר נישט צורירן צו די אלע כלים, עס איז נישט נוגע פאר א בחור. ווילאנג ער געפונט זיך בד' אמות של הלכה, האט ער נישט קיין שום שייכות דערצו, און ער דארף נישט צורירן דערצו. נישט וויסן דערפון, און נישט רעדן דערפון. ענקער תפקיד איז, צו זיצען און לערנען, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און קענען נאכדעם אויפשטעלן שיינע ערליכע יודישע דורות. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די טעג וואס יודען זענען מתאבל אויפן חורבן בית המקדש, זאל בקרוב נתהפך ווערן לששון ולשמחה. אין זכות פון די אלע צדיקים, זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת דברים תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם

**רבי יענקעל'ע פון פשעווארסק** האט געזאגט, אז פון דעם **בעל שם טוב'ס** צייטען, ביז צום **רבי'ן פון לובלין**, איז נישט געווען א רבי, וואס האט געהאט אזויפיל חסידים, ווי דער **רבי פון לובלין**. דער **בעל התניא** האט אויך געהאט אסאך חסידים, און אנשים חשובים. אבער דער **רבי פון לובלין** האט געהאט מער תלמידים, וואס זענען געווארן רבי'ס אין די שפעטערדיגע דורות. און מען האט געזאגט, אז אין לובלין האבן זיך ארומגעדרייט, פיר הונדערט בעלי רוח הקודש.

*

**דער וואודיסלאווער רב** האט פארציילט, אז ביים **רבי'ן פון לובלין** ביים טיש איז נישט געווען קיין אנגעצויגענקייט צווישן אים מיט די חסידים, נאר עס איז געווען רואיגקייט. ביי זיין תלמיד **רבי מענדל פון רימנוב**, איז געווען זייער שטרענג די הנהגה.

**די** טיר פונעם **רבי פון לובלין** איז בדרך כלל געווען שטענדיג אפען, און עס איז נישט געווען צוגעשפארט. אויסער שבת נאכמיטאג פאר תפלת מנחה, האט יעדער געדארפט איבערלאזן די שטוב פונעם רבי'ן, און ער פלעגט צומאכען די טיר אויף א פאר מינוט, און נאכדעם איז ער געגאנגען דאווענען מנחה און פירן שלש סעודות.

**עס** איז געווען דארט א יוד, וואס האט געוואלט וויסן, וואס דער רבי טוט ווען עס איז צוגעשפארט די טיר. האט ער זיך באהאלטען אינעם צימער, אונטער די מלבושים, כדי צו זעהן וואס דער רבי טוט אין די צייט. האט ער געזען, אז נאכדעם וואס ער שפארט צו די טיר, גייט ער צו צום שאנק, און ער נעמט ארויס א ספר, און ער קוקט אריין אינעם ספר. און אזוי ווי ער איז געשטאנען דארט, האט ער געזען ווי עס גייט אדורך א בליץ פאר די אויגן, און מער האט ער נישט געזען. ער האט נאר געהערט ווי דער רבי גייט ארויס, און ער מאכט צו די טיר, און ער גייט צו שלש סעודות. ווען ער האט געהערט, אז ער גייט ארויס פון די טיר, האט ער אנגעהויבן נאכצוגיין, און עס איז געווען טונקעל. אמאל איז נישט געווען קיין לעקטער, איז ממילא געווען טונקעל פאר שלש סעודות. ער האט געוואוסט די וועג ווי אזוי מען גייט צום

בית המדרש, איז ער געגאנגען דאווענען מנחה און עסן שלש סעודות, אין די טונקעל.

**ביים רבי'ן פון לובלין** פלעגט מען אריינברענגען ביים סוף פון שלש סעודות צוויי ליכט. עס איז דורך א שטיק צייט, און דער יוד וואס האט זיך געהאט באהאלטן, האט נישט געזען אז מען זאל אריינברענגען ליכט צום טיש. האט ער געפרעגט דעם חבר, פארוואס מען ברענגט נישט אריין קיין ליכט צום טיש. האט אים דער חבר געזאגט, אז די ליכט ברענען שוין דא א לענגערע צייט. האט ער פארשטאנען, אז ער איז בלינד געווארן, און ער זעהט נישט די ליכט.

**נאך** הבדלה האט מען אים צוגעפירט צום רבי'ן, און מען האט אים מזכיר געווען, אז דער יוד האט פארלוירן די ראיה, און ער זעהט נישט. האט ער אים אנגעוואונטשען. אבער עס האט זיך גארנישט געטויטשט. איז ער נאכאמאל געגאנגען צום **רבי'ן פון לובלין**, און ער האט ווייטער אנגעוואונטשען. אבער ער איז געבליבן די זעלבע. האט אים דער **רבי פון לובלין** געזאגט, אויב עס אזוי, פאר אריבער צו מיין תלמיד **רבי בערל פון ראדאשיץ**, ער פלעגט ווייזן אפענע מופתים, און זיי דיך מזכיר, אז דו האסט פארלוירן די קראפט פונעם אויג.

**דער הייליגער ראדאשיצער** האט געהאט ביי זיך אין שטוב א שאנק, וואס דארט האט ער געהאט פארשידענע רפואות. די רפואות זענען געווען, הושענות, און שיריים פון די חנוכה לעכט, און שמן זית, שיריים פון די ארבע כוסות, שיריים פון קידוש וויין. ער האט געהאט פארשידענע סגולות, וואס ער האט דארט אוועקגעלייגט. און פאר א יעדע זאך, האט ער גענומען פון די סגולות, און ער פלעגט עס אוסצומישען, און דאס פלעגט ער צו געבן פאר א רפואה. האט ער צוזאמגעשטעלט פאר דעם יוד אזא רפואה, אבער עס האט גארנישט געהאלפען.

**האט** ער אים געהייסען, אז ער זאל בלייבען אויפן קומענדיגען שבת. נאך שבת איז ער אריינגעגאנגען, און ער האט אים געגעבן שיריים פון שבת, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. האט ער אים געזאגט, איך ווייס נישט וואס עס גייט פאַר מיט דיר, איך האב דיר שוין געגעבן אזעלכע זאכען, וואס אפילו א דומם וואלט שוין געקענט זעהן. וואס האסטו געטון אז דו זעהסט נישט. האט ער אים פארציילט, אז ער איז געווען ביים **רבי'ן פון לובלין**, און ער האט געוואלט זעהן וואס דער רבי טוט שבת נאכמיטאג פאר מנחה, האט ער זיך באהאלטן, און ער האט געזעהן ווי א בליץ גייט אים אדורך. זעהט אויס אז די בליץ האט אים אוועקגענומען די קראפט פון די אויגן.

**האט** אים דער **הייליגער ראדאשיצער** געזאגט, אויב אזוי האב איך נישט פאר דיר א עצה. ווייל דער **רבי פון לובלין** איז זיך דעמאלטס משתמש מיטן אור הגנוז. דער אור הגנוז איז אוועקגעלייגט אין די תורה הק', נעמט ער ארויס א **רמב"ם**, און ער קוקט דארט אריין, און דעמאלטס זעהט ער מיטן אור הגנוז, וואס ער דארף צו זעהן. און ווער עס איז נישט ראוי אז ער זאל זעהן די אור הגנוז, און ער זעהט עס, קען ער מער נישט זעהן קיין גשמיות'דיגע זאכען מיט די אויגן. און ממילא קען איך דיר נישט העלפען. און דער יוד איז ל"ע געבליבן א סגי נהור זיין גאנץ לעבן.

**רבי יענקעל'ע** ווען ער האט פארציילט די מעשה האט ער צוגעגעבן, אז כאטש דער **רבי פון לובלין** איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט זיך משתמש געווען מיטן אור הגנוז. אבער אז א יוד האט געדארפט א רפואה, האט ער אים אוועקגעשיקט אז ער זאל גיין קיין ראדאשיץ. פון דעם קען מען זיך אראפלערנען, אז עס מיינט נישט, אז יעדער צדיק וואס איז גרויס אין א געוויסען ענין, איז גרויס אין א צווייטען ענין. יעדער צדיק האט זיך זיין גרויסקייט. און ער האט געפילט, אז ביי יענעם קען ער מער געהאלפן ווערן, ווי ביי אים.

*

**דער סאטמארער רב ז"ל** האט פארציילט, אז עס איז אמאל געקומען א יוד צום **ייטב לב**, אז ער

דארף זיך שטעלן צום מיליטער. און ער האט געבעטן, אז ער זאל אים אנוואונטשען, און מבטיח זיין, אז ער וועט באפרייט ווערן פון מיליטער. האט ער אים מבטיח געווען, און ער האט אים געזאגט, אז ער קען גיין, און ער וועט פריי ווערן. האט זיך איינער אנגערופן, און געפרעגט דעם **ייטב לב**, פון ווייסט דער רבי, אז ער וועט באפרייט ווערן. דער רבי איז דאך נישט דארט. האט ער אים גארנישט געענטפערט.

**שפעטער** האט ער אים געזאגט, איך וועל דיר דערציילן א מעשה. **רבי מענדל פון רימנוב** האט געהאט א זון, רבי נתן לייב. און רבי נתן לייב איז אמאל געפארן ראש השנה קיין לובלין. אינמיטן יום טוב פרעגט אים דער **רבי פון לובלין**, וואס איז מיט דיין טאטן, איך זעה אים נישט. איז דער זון געווארן זייער דערשראקן, ווער ווייסט וואס עס האט פאסירט מיטן פאטער, אז דער רבי זעהט אים נישט. מוצאי יום טוב האט ער זיך תיכף ארויסגעלאזט אויפן וועג, צוריקצוגיין קיין רימנוב, זעהן וואס טוט זיך מיט זיין פאטער. אויפן וועג האט ער געטראפן חסידים, וואס זענען געווען אין רימנוב, און זיי זענען אהיים געקומען, אויף די געגנט ווי ער איז געווען. און ער האט זיך אינטערעסירט ביי זיי, וואס עס איז געווען ראש השנה ביים פאטער. האבן זיי געענטפערט אלעס איז געווען געהעריג, זיי האבן נישט געזעהן קיין שום שינוי.

**ווען** ער איז אנגעקומען צום פאטער, האט ער אים דערציילט, אז דער **רבי פון לובלין** האט אים געזאגט ראש השנה, אז ער זעהט אים נישט, וואס איז געווען. האט ער אים געזאגט, עס איז גארנישט געווען. נאר דער **רבי פון לובלין** האט מיך געזוכט אויבן אין הימעל, און פונקט דעמאלטס בין איך געווען ביים קייזער אין וויען. - מיט די מעשה האט ער אים געוואלט פארענטפערן, דאס וואס ער האט אים געפרעגט. אז אפילו מען איז נישט דארט ביי די מיליטער, קען מען דארט טון וואס מען דארף צוטון, אפילו ווען מען איז אינדערהיים.

*

**רבי יענקעל'ע** האט געזאגט, אז דער **רבי פון לובלין** איז געווען א לוי. און ווען ער פלעגט צו רעדן פון קרח, פלעגט ער צו זאגן 'דער הייליגער זיידע קרח'. אמאל האט דער **רבי פון לובלין** געזאגט, 'דער הייליגער זיידע קרח, אבער די באבע ברענט נאך'. די רעבעצין פון קרח זי ברענט נאך אין גיהנם. ווייל זי איז געווען די וואס האט אנגעפירט מיט די מחלוקת פון קרח. דער זיידע קרח איז זייער גרויס, אבער די באבע וואס האט אים צוגעברענגט דערצו, זי ליידט נאך.

**האט** ער צוגעגעבן, אז עס איז שוין מער פון דריי טויזנט יאר פון די מעשה פון קרח, און דער **רבי פון לובלין** האט געזאגט אז זי ברענט נאך. אפילו משפט רשעים בגיהנם איז נאר י"ב חודש (עדיות ב-י). ברענגט ער צו, אז פון **אר"י הק'** שטייט (שער הגלגולים הקדמה כ"ב), אז ער האט אמאל געזעהן א נשמה וואס בלאנדזעט ארום. און די נשמה האט אים געזאגט, אז זי האט נאך נישט קיין תיקון. האט ער געפרעגט די נשמה, עס שטייט דאך אין די משנה, משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש. האט די נשמה געענטפערט, אבער ביז מען איז זוכה אריינצוגיין אין גיהנם, קען אדורכגיין יארן מיט יארן. ווען מען איז שוין אין גיהנם, דעמאלטס איז דער משפט נאר י"ב חודש.

*

**דער אמרי חיים** האט פארציילט, אז דער **שר שלום פון בעלזא** האט געהאט א חסיד, וואס ער האט זיך אמאל ביים דאווענען זייער צופייערט, און ער האט אנגעהויבן אויסצורעדן אינמיטן דאווענען אויף יודיש. און דער **בעלזער רב** האט עס געהערט, האט ער אים צוגערופן נאכן דאווענען, און ער האט אים געפרעגט, פארוואס ער רעדט אויס אינמיטן דאווענען. האט דער חסיד געענטפערט, אז דער **קאזניצער מגיד** פלעגט אויך אויסרעדן אינמיטן דאווענען. - דער **קאזניצער מגיד** פלעגט רופן דעם רבש"ע אינמיטן דאווענען, 'ליבלונג', 'דער ליבער', אזוי איז געווען זיין לשון, ווען ער פלעגט זיך צופייערן.

**האט** אים דער **בעלזער רב** געזאגט, דער **קאזניצער מגיד** איז געווען א מלאך, און ער האט

געמעגט, אבער דו טארסט נישט. נאכדעם האט ער צוגעגעבן, דאס וואס איך האב געזאגט, אז ער איז געווען א מלאך, ער איז געווען מער ווי א מלאך, ער איז געווען א שרף. איך האב געזאגט אז ער איז געווען א שרף, ער איז געווען אסאך גרעסער פון א שרף, ער איז געווען אין די מדרגה פון די אופנים וחיות הקודש. נאכדעם האט ער צוגעענדיגט, וואס האב איך געזאגט, אז ער איז געווען אזוי ווי די אופנים וחיות הקודש, ער איז געווען אזא זאך, וואס א מענטש קען נישט ארויסזאגן מיטן מויל, און די אויער קען נישט הערן זיין גרויסקייט.

**והסביר רבינו:** די פשט דערפון איז, אז א מלאך איז טאקע זייער גרויס. אבער א מלאך איז דאך אזוי באשאפן געווארן, אָן קיין יצר הרע. אז א יוד ארבעט זיך אויס, און ער קומט צו, צו די מדרגה פון א מלאך, שטייט ער נאך העכער ווי די מלאכים און שרפים.

*

**רבי איציק'ל אמשינאווער** האט פארציילט, אז דער **מאגלניצער** איז געווען א אייניקעל פון דעם **קאזניצער מגיד.** און ער האט אמאל פארציילט פארן **רוזשינער,** אז ביים סדר נאכט האט אים דער זיידע, דער **קאזניצער מגיד,** גענומען אויף די שויס. אינמיטן זענען אריינגעקומען צום סדר צוויי מענטשען, פאר איינעם האט ער געגעבן שלום, און געזאגט ברוך הבא, און פונעם צווייטען האט ער זיך נישט וויסענדיג געמאכט. ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען, האט ער געפרעגט דעם זיידן, ווער זענען געווען די צוויי מענטשען. האט ער געזאגט, איינער איז געווען אליהו הנביא, און איינער איז געווען דער **רבי ר' בער פון מעזריטש.** פאר אליהו הנביא האב איך נישט געזאגט קיין ברוך הבא, ווייל ער איז ביי מיר א אפטער גאסט, און פאר א אפטע גאסט זאגט מען נישט קיין ברוך הבא. אבער פארן **רבי ר' בער,** וואס ער איז נישט אזוי אפט ביי מיר, פאר אים האב איך געזאגט ברוך הבא.

*

**רבי איציק'ל** האט געזאגט, אז דער **קאזניצער מגיד** איז געווען זייער דאר און שוואך, ער איז געווען הויט אוןביינער. אבער ווען עס איז געקומען צום דאווענען, איז זיין עבודה געווען אין לשער. אמאל ביי די הקפות איז דער **קאזניצער מגיד** געווען זייער צופייערט, מער ווי אן אנדערע מאל. נאכדעם האט ער געזאגט, אז מיין טאטע [רבי שבתי איינבינדער, ער איז געווען א בינדער, און ער האט געוואוינט אין די שטאט אפטא], זיצט אויבן אין גן עדן, צוזאמען מיט יוחאי, דער טאטע פון רבי שמעון בן יוחאי, אין איין היכל. איינמאל ל"ג בעומר, האט זיך רבי יוחאי געקליבן צו גיין קיין מירון, צו די הילולא פון רבי שמעון. האט אים רבי שבתי געבעטן, אז ער זאל אים מיטנעמען, ווען ער גייט צו זיין זון, און ער וועט אים מיטנעמען צו די הקפות פון זיין זון, דעם **קאזניצער מגיד.** האט דער **קאזניצער מגיד** געזאגט, נו, איך האב געהאט אזעלכע געסט, מיין טאטע, מיט רבי שמעון בן יוחאי'ס טאטע, וועגן דעם איז די הקפות געווען אזוי דערהויבן.

*

**א** יוד האט זיך אמאל מתאונן געווען פארן **קאזניצער מגיד** אז ער ליידט פון שכחה. האט ער אים געפרעגט, האסטו אמאל פארגעסן, און אנשטאט אריינלייגן די עסן אין די מויל, האסטו עס אריינגעלייגט אין די אויערן. אוודאי האסטו נישט פארגעסן. פארוואס, ווייל דאס איז דיין חיות. און א זאך וואס איז דאס חיות פון א מענטש, פארגעסט מען נישט. ווען די תורה וואלט געווען דיין חיות, וואלסטו נישט געליטן אויף שכחה, און וואלסט נישט פארגעסן, וואס דו לערנסט.

*

**רבי יהושע'לע פון קראלי** האט געלערנט אין די יוגנט אין פוילן. ער איז געווען פון אונגארן, און ער איז געגאנגען צופיס קיין פוילן לערנען תורה ביים **אור חדש.** נאך יארן ווען ער איז צוריקגעגאנגען קיין אונגארן, איז ער אדורכגעגאנגען דורך די שטאט קאזניץ. ווען ער איז אדורך די שטוב פונעם **עבודת ישראל,**

האט מען אים ארייגערופן צו מנין. איז ער אריינגעגאנגען.

**ווען** ער איז אריינגעקומען אין שטוב, זעהט ער אז עס ליגט אויפן בעט א אדם חלוש, א מענטש אָן כוחות, ווייס ווי קאלעך, ווי א בר מינן, ווי א מענטש וואס האט שוין נישט קיין חיות. האט ער פארשטאנען, אז מען האט אים גערופן צו מנין, ווייל עס איז יציאת נשמה. און עס האט אים געאַרט, ער איז געווען א ארימער בחור, וואס גייט פון שטאט צו שטאט, און אנשטאט מען זאל אים ארייןרופן און געבן עפעס צו עסן, רופט מען אים אריין צו א מנין פון יציאת נשמה.

**אזוי** ווי ער שטייט דארט פארטראכט, זעהט ער ווי דער בר מינן הייבט זיך אויף פונעם בעט, און ער גייט צו צום עמוד, און ער הייבט אן צו דאווענען מיט קולי קולות, און דער פנים איז אים רויט געווארן. האט ער זיך זייער געחידוש'ט, ווי אזוי עס קען זיין, אז א מענטש אזא חלוש וואס איז געווען אזוי שוואך, זאל קענען פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט, ווען עס קומט צום דאווענען, ווערן אינגאנצן געטוישט. האט ער געזאגט, אויב דאס איז מסטרא דקדושה, [ער איז געווען א אשכנזישער בחור], איז דאס פלאי פלאים. און זייט דעמאלטס, האט ער נישט געלאזט רעדן אויף די חסידים. ווייל ער האט געזעהן די עבודה, ווי אזוי דער הייליגער **קאזניצער מגיד** האט געדאווענט.

*

**רבי איציק'ל** האט פארציילט, אז דער **קאזניצער מגיד** פלעגט ארומצופארען און זאגן דרשות. איינמאל האט ער מוכיח געווען ביי די דרשות, אז די דארפס לייט וואס מעלקען די מילך, און ברענגען עס אריין אין שטאט, טוען צוגיסען וואסער צו די מילך, און עס איז גניבה. ער ברענגט נישט קיין ריינע מילך, נאר עס איז אויסגעמישט מיט וואסער. איז געווען דארט א דארפס יוד וואס האט עס געהערט, און ער האט זיך אויך אזוי געפירט, אז ער פלעגט ארייננצולייגען וואסער. ווען ער האט געהערט ווי הארב עס איז, אז עס איז גניבה, האט ער זיך פאַרגענומען אז ער גייט מער נישט צולייגען קיין וואסער צו די מילך, און ער וועט ברענגען נאר ריינע מילך.

**ווען** ער האט אנגעהויבען צו ברענגען די ריינע מילך, האבן די קונים געזאגט, אז די מילך איז נישט גוט, אמאל האט ער געברענגט בעסערע מילך. ווען עס איז געווען צוזאמען מיט וואסער, איז עס געווען בעסער. איז ער געקומען צום **קאזניצער מגיד** פרעגן וואס זאל איך יעצט טון, אז מען וויל נישט נעמען פון מיר קיין מילך, ווייל איך ברענגט נאר ערליך מילך.

**האט** אים דער **קאזניצער מגיד** געזאגט, די וועלט איז א עולם השקר. זעהט אויס, אז מען קען נישט פארקויפן קיין ריינע זאכען אויף די וועלט, און מען מוז עפעס שווינדלען. מען מוז ארייגלייגען עפעס וואסער אין די מילך, כדי עס זאל זיין עפעס פון עולם השקר. אבער עס איז גענוג אז דו לייגסט אריין נאר איין טראפ, אביסל שקר דארף צו זיין, אבער קיין סאך זאל מען נישט אריינגיסן. אפילו עס איז א עולם השקר, און מען קען נישט גיין מיט די גאנצע אמת, איז מען יוצא אמאל, נאר מיט א טראפ פונעם שקר.

*

**רבי איציק'ל** האט נאכגעזאגט פונעם **קאזניצער מגיד**, אז פון א איידעם מיט א שווער, איז דא איין פרשה און די תורה, לבן מיט יעקב אבינו. יעקב איז געווען דער איידעם, און לבן איז געווען דער שווער. האט דער **קאזניצער מגיד** געזאגט, יעדער שווער האט א ניצוץ פון לבן, אבער נישט יעדער איידעם, האט א ניצוץ פון יעקב אבינו.

**די** וועלט זאגט, אז א גבאי מיט א רבי, איז אזוי ווי אלישע מיט גיחזי. אלישע איז געווען דער רבי, און גחזי איז געווען דער גבאי. א יעדער גבאי האט א ניצוץ פון גיחזי, אבער נישט יעדער רבי, האט א ניצוץ פון אלישע.

*

**רבי איציק'ל** האט פארציילט, אז ביים **רבי ר' אלימלך**, האט מען נישט געגעבן קיין רשות אריינצוגיין אין שטוב, איינעם וואס איז נישט געגאנגען מיט א בעקיטשע. איינער וואס איז געגאנגען אשכנזיש אנגעטון, מיט א קורץ רעקל, האט מען נישט אריינגעלאזט אין שטוב. און אין די פאדער שטוב איז געווען א בעקיטשע, און אויב איינער איז געקומען מיט א קורץ רעקל, האט ער געדארפט אנטון די בעקיטשע, און אזוי אריינגיין צום **רבי ר' אלימלך**. דער **רבי ר' אלימלך'ס** זון, **רבי אלעזר**, ער פלעגט צו שטיין ביים טיר, און ער פלעגט נישט אריינלאזן צום פאטער, נאר אזוי ווי דער פאטער האט פארלאנגט מיט א בעקיטשע.

**רבי מענדעלע רימנוב'ער** איז אין די יוגנט געווען א אשכנזיש קינד, ער איז געקומען פון אשכנז, און ער איז געגאנגען אנגעטון אשכנזיש. און ווען **רבי מענדעלע רימנובער** איז אנגעקומען צום **רבי ר' אלימלך**, איז **רבי אלעזר** נישט געשטאנען ביים טיר, איז **רבי מענדעלע** אריינגעגאנגען אזוי מיט זיינע אשכנז'ישע קליידער צום **רבי ר' אלימלך**. און ווען **רבי אלעזר** איז אנגעקומען שפעטער, האט ער געזעהן, אז ער איז אריין צום פאטער מיט די אשכנז'ישע קליידער, און ער האט געוואוסט אז דער סדר פונעם פאטער איז, אז ער וויל נישט אז מען זאל צו אים אזוי אריינקומען, האט ער געטראכט, אז זיין פאטער וועט אוודאי מקפיד זיין דערויף. אבער ער האט געזעהן, אז דער פאטער איז אים זייער מכבד.

**און רבי מענדעלע** איז איבער געבליבן אין ליזענסק, און דער **רבי ר' אלימלך** האט אים גענומען פאר א מלמד פאר זיינע קינדער. אבער ער האט אים נישט געלאזט לערנען מיט די קינדער אין אנהייב, ביז ער וועט קודם פארגעסן זיין אשכנז'ישקייט, נאכדעם קען ער אנהייבן צו לערנען מיט זיינע קינדער.

*

**דער סטראפקאווער רב** האט געזאגט, אז ער האט געהערט פון זיין פאטער, פונעם **דברי יחזקאל**. אז דער **בני יששכר**, האט אמאל גערודפ'ט א רב, וועגן א דבר הלכה, וואס דער רב האט נישט געפסקנ'ט ווי עס דארף צו זיין. און דער **בני יששכר** פלעגט צו פארן צו **רבי מענדלע רימנוב'ער**, און אלץ ווען ער פלעגט אנקומען צום **רבי מענדעלע**, האט ער אים געגעבן שלום בסבר פנים יפות.

**אין** די צייט וואס ער האט געהאט צוטוהן מיט יענעם רב, איז ער אמאל אנגעקומען קיין רימנוב. און **רבי מענדעלע** האט אים נישט געגעבן קיין שלום, נאר ער האט אים געלאזט אזוי שטיין. האט ער געזען אז ער האט אויף אים עפעס א הקפדה. האט ער געפרעגט, וואס איז די הקפדה. האט ער אים געזאגט, אז ווען מען עפענט אויף א א כלי פון שמוץ, הייבט עס אן צו געבן א ריח, און אז מען לאזט עס צוגעדעקט, גיט עס נישט קיין שלעכטע ריח. ער האט עס געזאגט פאר א משל, אז מען דארף נישט אייביג אויפדעקן יענעמס עוולות. ווייל ווען מען דעקט אויף יענעמס זאך, הייבט עס אָן נאכדעם ארויסצוגעבן א שלעכטען ריח. מען דארף עס ענדערש לאזן פארמאכט, אז מען זאל נישט שפירן דעם ריח.

*

**רבי יענקעל'ע** האט פארציילט, אז **רבי מענדעלע רימנובער** איז אמאל אדורכגעפארן די שטאט יערוסלוב, און **רבי שמעון יערוסלובער** איז אים אנטקעגען געקומען. און אויפן וועג האט **רבי שמעון יערוסלובער** געזאגט, אז עס איז דא אין שטאט א קלויסטער, און עס קלינגט, און די קלינגען פון די קלויסטער טוען אים מבלבל זיין. האט **רבי מענדעלע** געזאגט, אז ווען ער וועט אנקומען אויף דעם וועג, ווי מען קען זעהן דעם קלויסטער, זאל ער עס אים ווייזן.

**ווען** מען איז אנגעקומען אויף דעם וועג, האט **רבי מענדעלע** געהייסען אז מען זאל אפשטעלן דארט דעם וואגן, און ער האט זיך אויפגעשטעלט אין וואגן, און ער האט געגעבן א קוק, דארט ווי דער קלויסטער איז געשטאנען, מיט דעם גרויסן גלאק אינדערהייך. און ווען ער

האט געגעבן א קוק דערויף, איז איינגעפאלן דער גלאק, מיט די אלע מענטשען וואס זענען געווען דארט. און עס איז געווארן א גרוב אין די ערד, און אלעס איז איינגעזינקען.

**שפעטער** האט מען צונומען דעם קלויסטער, און עס איז געווארן דערפון א פארק. שרייבט ער, אז צען פופצען יאר פאר די צווייטע וועלט מלחמה, האט מען געגראבען דארט אין דעם פארק, ווייל מען האט געוואלט עפעס בויען. האט מען געטראפן אינווייניג באהאלטן מענטשען, וואס זענען דעמאלטס אראפגעפאלען צוזאמען מיט דעם גלאק.

**והוסיף רבינו: רבי שמעון יערוסלובער** האט געזאגט, אז עס שטערט אים די קלינגען פונעם קלויסטער. עס שטייט אין **תולדות קול אריה**, אז דער **קול אריה** איז אמאל אריינגעקומען צום **חתם סופר** אין שטוב [ער איז געווען א תלמיד אין ישיבה], און ער האט געטראפען דעם **חתם סופר** זיצען מיט די צוויי פינגערס אין די אויערן. ער האט אים קיינמאל נישט געזען, אז ער זאל אזוי זיצען. איז ער געשטאנען און געווארט. ווען עס איז אדורך א פאר מינוט, פרעגט אים דער **חתם סופר**, 'מען קלינגעלט נאך'. האט ער פארשטאנען, אז דער הייליגער **חתם סופר** האט נישט געוואלט הערן דעם קול פונעם גלאק וואס קלינגט, האט ער זיך אריינגעלייגט די פינגערס אין די אויערן, אז ווען די קלויסטערס קלינגען, זאל ער נישט הערן דעם קול. - אזוי זענען געווען אמאל הייליגע יודען.

*

**רבי יענקעל'ע** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פון א איידעם פון **ציעשינובער רב**, אז א חסיד האט פארציילט פארן **ציעשינובער רב**, אז אמאל זענען א קבוצה יודען פון פריסטיק געגאנגען אויף א שבת אדער א יום טוב צו **רבי מענדעלע רימנובער**. רימנוב איז נישט ווייט פון פריסטיק. און אזוי ווי די חסידים האבען געהערט אז עס גייען יודען אויף רימנוב, זענען זיי ארויס פון בית המדרש צו באגלייטען די וואס זענען גייען צום רבי'ן.

**עס** איז געווען זומער, האבען זיי איבערגעלאזט די היטן אין בית המדרש, און זיי זענען ארויס נאר מיט די קאפלעך, און אזוי האבען זיי באגלייט. זיי האבן געוואלט באגלייטן א קורצע וועג, און נאכדעם צוריקגיין. די חסידים האבען זיך אבער פארשמועסט, און זיי זענען געווען אזוי ארייננגעטון, אז זיי האבן פארגעסן ווי זיי זענען, און זיי האבן שפאצירט די גאנצע וועג, אזוי ווייט אז זיי זענען אנגעקומען ביז רימנוב.

**רבי מענדעלע** איז זיי אנטקעגן געקומען, און ער האט זיי געזאגט, אז ווען מען איז ארויפגעגאנגען עולה רגל זיין אין בית המקדש, איז נישט געווען אזא התעוררות אין הימל, ווי איצטער ביי די באגלייטערס. ער האט געהאלטען אז די חסידים וואס זענען געקומען צופארן, און די וואס האבן באגלייט די חסידים, איז געווען מעין פון די התעוררות, וואס איז געווען אמאל, ווען מען האט עולה רגל געווען.

*

**רבי איציק'ל** האט נאכגעזאגט פונעם **שינאווער רב**, אז **רבי מענדעלע** איז בימיו געווען א גרויסער משפיע אין פרנסה. **רבי מענדעלע** האט צוויי און צוואנציג יאר, גערעדט יעדע שבת פונעם מָן. כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין (זוהר ח"ב פח.). און די מן איז דאך די השפעה פון פרנסה, האט ער יעדען שבת גערעדט פונעם מן, און ער האט משפיע געווען פרנסה.

**דער שינאווער רב** האט געזאגט, אז די השפעה פון פרנסה, אין די צייטען פון **רבי מענדעלע רימנובער**, איז געווען אזוי גרויס, אז מלאכים אויבן אין הימל, האבן זיך פארשטעלט פאר גוי'שע פויערן, און זיי זענען געקומען איינקויפן ביי יודען, און געברענגט געלט, אז יודען זאלן קענען לייזן. און **רבי איציקל** האט צוגעגעבן, אז עס קען זיין, אז **רבי מענדעלע** האט אין די יונגע יארן געהאט א געוואלדיגע דחקות אין פרנסה,

ער האט נישט געהאט וואס צו עסן. זעהט אויס אז דורך די תפילות וואס ער האט דעמאלטס מתפלל געווען, האט ער געהאט א כח נאכדעם משפיע צו זיין פרנסה בשפע.

*

**רבי יענקעל'ע** האט פארציילט, אז ער האט געהערט פון **יאשליסקער רב**, אז **רבי מענדעלע רימנובער** איז געווען קודם רב אין פריסטיק, שפעטער איז ער געווארן רב אין רימנוב. און אין די גאנצע צייט וואס ער איז געווען רב אין פריסטיק, איז אין פופצן מייל ארום די שטאט, האט מען קיינמאל נישט געהערט, אז מען האט איינעם גע'הרג'ט, אזוי האט ער משפיע געווען מיט זיין קדושה, א שמירה אויף ארום און ארום. ער האט געהאט די מדרגה, נאר אין די יונגע יארן ווען ער איז געווען אין פריסטיק, אבער אין רימנוב האט ער דאס שוין נישט געהאט.

**והוסיף רבינו:** עס איז געווען פאריגע וואך די יארצייט פונעם **ישמח משה**. דער **ישמח משה** האט זיך געפירט חסידיש, און די שטאט איז נישט געווען קיין חסידישע שטאט נאר אשכנז'יש. און מען האט זיך אפגערעדט אויף אים, אז ער קוקט זיך נישט אום אויף די שטאט. און אז ער דאווענט נישט מיט די שול, נאר ער דאווענט פאר זיך. און ער באקומט געהאלט פון די שטאט, און ער טוט נישט וואס ער דארף צו טון.

**האט** דער הייליגער **ישמח משה** געזאגט, איך בין שוין רב דא ביי ענק אין שטאט אזויפל און אזויפיל יאר, און מען זאל מיר זאגן, צו עס איז איינמאל פארגעקומען די גאנצע צייט וואס איך בין דא, א שריפה אין די שטאט. און צו עס איז געווען אפילו איין פאל, וואס א אשה האט מפיל געווען א קינד, די אלע יארן וואס איך בין דא. האט מען נאכגעקוקט, האט מען געזען אז מען האט טאקע נישט געהערט די אלע יארן אז עס איז אזוי געווען. האט ער געזאגט, פאר דעם אליין, אז איך היט ענק, קומט מיר געהאלט. אפילו איך טו נישט מיין רבנות געהעריג, אבער דאס וואס איך געב שמירה פאר די שטאט, פאר דעם קומט אויך געהאלט. און ביי **רבי מענדעלע רימנובער**, איז אויך אין די גאנצע געגנט, קיינער נישט געהרג'ט געווארן.

*

**רבי יענקעל'ע** האט פארציילט, אז **רבי מענדעלע רימנובער** האט מתקן געווען אסאך תקנות ביי יודען. איינס איז געווען, אז די מענער זאלן גיין אייביג געקליידעט פון רעכטס אויף לינקס. יעדער פארשטייט, אז ימין דאס איז חסד, און שמאל איז דין, די ימין זאל גובר זיין אויפן שמאל.

**ער** ברענגט דא צו, אז אין אויבערלאנד איז געווען די קפידא דווקא פארקערט, אז די מענער זאלן גיין געקליידעט פון לינקס אויף רעכטס. און דער טעם איז געווען, ווייל די נשים פלעגן צו גיין געקליידט פון רעכטס אויף לינקס, און כדי עס זאל נישט זיין בגדר שמלת אשה, פלעגן די מענער צו גיין אנדערש, אנגעטון פון לינקס אויף רעכטס. און אפילו הכי האט עס **רבי מענדעלע** מבטל געווען, אז מען זאל אייביג גיין אנגעטון, נאר פון רעכטס אויף לינקס.

**די** צווייטע תקנה האט ער מתקן געווען, אז מען פלעגט אמאל צו גיין, אז די קאפל וואס מען גייט אינטער די היט, איז געווען באהאלטען אינעם היט. און ער האט מתקן געווען, אז מען זאל אייביג ארויסזעהן די קאפל פון די היט. כדי מען זאל דערקענען די קאפל אינדרויסען.

**רבי יענקעל'ע** האט צוגעגעבן א אייגענעם טעם, פארוואס ער האט אזוי געהייסען. ווייל די גוים פלעגן צו רעדן אויף יודען, אז זיי האבען נגעים אויפן קאפ, און וועגן דעם גייען זיי שטענדיג צוגעדעקט דעם קאפ, ווייל זיי שעמען זיך, אז מען זאל נישט זעהן, וואס טוט זיך אויפן קאפ, אז זיי האבען דארט נגעים. איז געווארן א מאדע ביי יודען, אז מען פלעגט צודעקן די קאפל אונטער די היט, כדי מען זאל נישט דערקענען, אז מען גייט מיט א קאפל, מען זאל נישט זאגען, אז מען האט נגעים. און **רבי מענדעלע** האט געוואלט, אז יודען זאלן טאקע זיין מאוס אין די אויגן פון די גוים, כדי מען זאל נישט האבען קיין שום שייכות

מיט א גוי. ווערן דעם האט ער געהייסען, אז מען זאל גיין מיטן קאפל, אז עס זאל יא זיין אפען, אז מען זאל דערקענען אז מען גייט מיט א קאפל, און מען זאל טאקע זאגען אז מיר האבען נגעים, און מען זאל נישט האבען קיין שייכות מיטן גוי, ווערן דעם האט ער אזוי איינגעפירט.

*

**דער שינאווער רב** האט נישט געלאזט צינדען קיין ליכט, ביי די יארצייט פון צדיקים, אויסער ביי **רבי מענדעלע רימנובער**. און ער האט געזאגט, אז אלע צדיקים קען זיין אז זיי זענען מגולגל געווארן נאכאמאל אויף דעם עולם, און זיי לעבן נאך ווייטער. אבער **רבי מענדעלע** האט געזאגט אויף זיך, אז דאס איז זיין לעצטע גילגול, וואס ער איז דא אויף דעם עולם. איז ממילא וויבאלד עס איז זיין לעצטע גילגול, אויף אים קען מען צינדען ליכט.

**רבי איציק'ל** האט געזאגט, אז ער איז אמאל געווען אין שינאווע, און עס איז געווען די יארצייט פונעם **צאנזער רב**, כ"ה ניסן. איז געגאנגען איינער און ער האט געצינדען ליכט אין די הענג לייכטער וואס איז געווען אין די שול. ווען דער **שינאווער רב** איז אריינגעקומען, האט ער זיך געבייזערט, ווער עס האט אנגעצינדען די לעכט. האט מען געזאגט, אז יוסף, וואס איז געווען א צאנזער חסיד, וואס האט זיך געדרייט אין שינאווע, ער האט עס אנגעצינדען. האט דער **שינאווער רב** אים געגעבען א פסק, און ער איז ארויפגעגאנגען אויף א בענקל, און מיט זיין ספאדיק האט ער אויסגעלאשן די ליכט.

*

**דער אמרי חיים** האט געזאגט, אז דער **אמרי נועם** פלעגט צו זאגן אויף **רבי הערש רימנוב'ער זי"ע**, וואס האט איבערגענומען די פלאץ פון **רבי מענדעלע רימנוב'ער** [ער איז געווען קודם א משמש ביי אים, און שפעטער האט ער איבערגענומען די הנהגה]. אז ער איז מקנא דעם **רבי הערש רימנוב'ער**, וואס פון זיין חומר האט ער געמאכט א צורה. ער איז נישט געווען פון א יחוס'דיגע משפחה, ער איז געווען א פשוט קינד. און פונדעסטוועגן האט ער זיך אזוי אויסגעארבעט, אז ער איז צוגעקומען צו אזא מדריגה.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

## בלימוד המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד)

יום ב' פרשת ואתחנן, ליל תשעה באב תשע"ג לפ"ק

**אמר אברהם לפני הקב"ה, רבש"ע מי מעיד בהם בישראל שעברו את תורתך. אמר הקב"ה לאברהם יבאו עשרים ושתים אותיות, ויעידו בהן בישראל. מיד באה אל"ף להעיד בישראל שעברו על התורה, אמר לה אברהם, אל"ף, את ראש לכל האותיות, ובאת להעיד בישראל ביום צרתם וגו', מיד עמדה אל"ף לצד אחד ולא העידה בהן. באתה בי"ת להעיד בהם בישראל וגו', באתה גימ"ל להעיד בישראל וגו', וכיון שראו כל האותיות שהשתיקן אברהם, נתביישו ועמדו בעצמן ולא העידו בישראל.**

**לכאורה** דארף מען פארשטיין. יודען האבען דאך עובר געווען אויף די תורה. און פארוואס ווען די אותיות זענען געקומען מעיד זיין, האט מען זיי געזאגט, ווי אזוי שעמט איר זיך נישט, צו קומען עדות זאגען אקעגן די יודען, וואס האבען מקבל געווען די תורה מיט א'נכי, און ב'ראשית, און ג'דילים תעשה לך. אויב זענען זיי כשר'ע עדות, וואס איז די טענה, אז ווייל יודען האבען מקבל געווען די תורה, ווערן דעם קענען זיי נישט זאגען קיין עדות. טאמער בית דין פארלאנגט עדות צו זאגען, איז מען דאך מחויב עדות צו זאגען. און אז דער רבש"ע בעט עדות צו זאגען, וואס איז שייך צו זאגען, אז ווייל מען האט געטראפן ביי זיי עפעס א נקודה, אז זיי זאלן זיך שעמען עדות צו זאגען, האבען זיי זיך געשטעלט אינדערזייט.

**נאר** עס קען זיין דער פשט פונעם מדרש. עס איז דא א דעה אין די גמרא (סנהדרין כט.), אז א

אוהב און א שונא, זענען פסול לעדות. סיי א גוטער פריינד צו יענעם, און סיי א שונא, זענען ביידע פסול לעדות. א שונא איז פסול לעדות, ווייל ער איז דאך א שונא פאר יענעם, קען מען דאך אים נישט געטרויען וואס ער זאגט, אפשר וועט ער זאגן א זאך וואס איז נישט אמת מכח שנאה. א גוטער פריינד איז פסול לעדות, ווייל ער איז דאך א גוטער פריינד פאר יענעם, וויל ער דאך זאגן גוט'ס. פרעגט די וועלט, אבער א גוטער פריינד וואס קומט עדות זאגען שלעכטס, ער קומט עדות זאגען אז יענער האט מחלל שבת געווען, פארוואס זאגט מען אז ער איז פסול לעדות, ווייל ער איז אים א גוטער פריינד. אדרבה, אויב ער איז אים א גוטער פריינד, און ער זאגט אויף אים שלעכטע עדות, דארף מען דאך הערשט מקבל זיין די עדות. ווייל עס איז א סימן אז עס איז אמת, ווייל אפילו דער אוהב איז אויך מסכים, אז ער האט אזוי געטון.

**זאגט** די וועלט, ווייל עדות זאגן קען נאר א מענטש. א גוטער פריינד וואס קען זאגען אויף זיין חבר שלעכטס, איז א סימן אז עס פעלט אים מענטשהייט. ער איז נישט קיין מענטש. און מען קען אים נישט געטרויען אויף זיינע ווערטער, און וועגן דעם איז ער פסול לעדות. - אברהם אבינו האט געוואלט מעורר זיין די אהבה פון די אותיות צו יודען, אז יודען האבען מקבל געווען די תורה. און ער האט אריינגעברענגט אין זיי אזא סארט אהבה, אז זיי האבען געשפירט ביי זיך, אז זיי קענען נישט ווייטער עדות זאגען אויף יודען, ווייל א אוהב איז פסול לעדות.

## בלימוד הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נו.)

יום ג' פרשת ואתחנן, תשעה באב תשע"ג לפ"ק

**אבא סיקרא ריש בריוני דירושלים.** כדי צו פארשטיין די מעשה פונעם חורבן, און וואס איז געווען מיט אבא סיקרא די ריש פון די בריונים. דארף מען קודם וויסן, אז ווען די גמרא רעדט פונעם חורבן בית המקדש, רעדט מען פונעם צווייטען בית המקדש. רוב זאכען וואס די גמרא פארציילט פונעם בית המקדש, רעדט מען אלץ פונעם בית שני.

**ווען** יודען זענען ארויסגעקומען פון מצרים, זענען זיי געווען פערציג יאר אין מדבר. נאכדעם איז מען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, און עס האט גענומען פיר הונדערט און פערציג יאר, ביז מען האט אויפגעבויט דעם ערשטען בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר. אכט הונדערט און פופציג יאר נאכדעם וואס מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז חרוב געווארן דער ערשטער בית המקדש. נבוכדנצר, דער מלך פון בבל - די געגנט פון איראק און איראן - איז געקומען, און ער האט איינגענומען ארץ ישראל, און ער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש. און די יודען זענען דעמאלטס געגאנגען אין גלות, אויף די געגנט פון בבל. דער באשעפער האט דעמאלטס געזאגט, אז דער ערשטער בית המקדש וועט זיין חרוב זיבעציג יאר, און נאכדעם וועט מען אויפבויען דעם צווייטען בית המקדש.

**נאכדעם** וואס דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן, און יודען זענען געגאנגען אין גלות, איז ירושלים געווארן אזוי ווי א מדבר, ציון מדבר היתה (ישעיה סד-ט). עס שטייט אין די גמרא (יומא נד.) אז צוויי און פופציג יאר, זענען אפילו א בהמה און א עוף נישט אריבערגעפלויגן איבער דעם מקום. אזא וויסטעניש איז געווען די געגנט. עס איז געווען אויסגעליידיגט פון מענטשן.

**אין** די זיבעציג יאר וואס עס איז געווען צווישן דעם בית ראשון און בית שני, נאנט צום סוף פון די זיבעציג יאר, איז געווען דער נס פון פורים. דעמאלטס האט אחשורוש געמאכט א משתה, ווייל עס איז אדורכגעגאנגען זיבעציג יאר, און יודען זענען נישט אויסגעלייזט געווארן. און ער האט געמיינט, אז יודען גייען שוין בלייבען אין

גלות. אבער ער האט זיך טועה געווען, ווייל ער האט נישט געוואוסט פונקטלעך, ווי אזוי מען רעכנט די זיבעציג יאר (עיין מגילה יא:).

**א** פאר יאר נאך דעם נס פון פורים, איז כורש געווארן דער מלך. און ער האט געגעבן רשות, אז מען קען נאכאמאל אויפבויען דעם בית המקדש, און דעמאלטס האט מען אויפגעבויט דעם צווייטען בית המקדש. דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר, און נאכדעם איז עס חרוב געווארן. און זייט דעמאלטס איז שוין אדורך 1,945 יאר פונעם חורבן, און מען ווארט אויף די גאולה העתידה.

**ביי** דעם צווייטען בית המקדש, איז שוין נישט געווען אלעס וואס עס איז געוועןביים ערשטען בית המקדש. אין בית המקדש האט געפעלט פינף זאכען. עס האט געפעלט דער ארון, עס איז שוין נישט געווען קיין רוח הקודש וכו' (עיין יומא כא:). און מען איז שוין אויך געווען אינטערטעניגט געוויסע צייטן אינטער אומות העולם. די אלע יארן וואס דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען, זענען יודען געווען די בעלי בתים אויף ארץ ישראל. מען איז אריין קיין ארץ ישראל, און מען האט פארטריבען פון דארט די פיינט, און יודען האבען איבערגענומען דאס לאנד. די יודען האבען געהאט זייער מלך, יודען האבען געהאט זייער ארמיי, וואס האט באשיצט ירושלים, אז די אויבים זאלן נישט קענען אריינקומען.

**נאך** דעם חורבן פונעם ערשטען בית המקדש, ווען יודען זענען צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, און מען האט אויפגעבויט דעם צווייטען בית המקדש, האבען יודען באקומען א געוויסע ממשלה אויף ארץ ישראל, אבער נישט אינגאנצן. מען איז שוין געווען אינטערטעניגט אינטער מלך פרס, און אנדערע מלכים, וואס האבען זיך געשארפט די ציין אויף ארץ ישראל. די נס פון חנוכה, וואס איז געווען ווען מען האט געהאט צוטון מיט די יונים, דאס איז געווען אינעם זמן פונעם בית שני. בערך הונדערט און זיבעציג יאר פארן חורבן, איז געווען דער נס פון חנוכה. דעמאלטס זענען די יונים אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, און זיי האבען זיך משתלט געווען אויף יודען, און זיי האבען מטמא געווען די שמנים. די יארען פונעם בית שני איז שוין געווען פויגלדיג, מען האט שוין געהאט צוטון מיט די פיינט פון ארום און ארום. און געענדיגט האט זיך עס מיט רוים. דער מלך פון רוים איז אריינגעקומען, און ער האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש.

**אבער** יארן פארדעם זענען שוין יודען געווען אינטערטעניגט אינטער די מלכות רומי. עס האט זיך גענומען פון דעם, וואס ביי די ימי חנוכה, האבען די חשמונאים איבערגענומען די מלכות. פארדעם זענען געווען די מלכים פון שבט יהודה, און נאכדעם זענען געקומען די בני חשמונאים, און זיי האבען עס איבערגענומען. און עס האט זיך געמאכט א מחלוקת צווישן צוויי קינדער פון די מלכים, הורקנוס און אריסטובלוס. יעדער פון זיי האט געטענ'ט, אז ער איז דער כהן גדול, און ער איז דער מלך. און זיי האבען נישט געקענט שלום מאכען צווישן זיך, ביז מען האט אריינגעברענגט פומפיוס מלך רומי, אז ער זאל זעהן אויסצוגראדען צווישן זיי. און ער האט געזאגט, עס איז נישט פאר דיר, און נישט פאר דיר, נאר פאר מיר. און ער האט גענומען פאר זיך די מלוכה.

**און** מען האט אנגעהויבן צו אינטערטעניגן יודען. יודען האבען געדאפט צאלען שטייער פאר די מלכות פון רוים. ביז עס איז געקומען צייטען וואס מען האט זיך אנטקעגן געשטעלט, און מען האט נישט געוואלט מיטהאלטען מיט זיי. און מען האט געזאגט פאר די מלכות פון רוים, אז די יודען האבען מורד געווען אינעם מלך. און דאס איז די מעשה פון קמצא בר קמצא, וואס עס שטייט פריער אין די גמרא. אז מען האט געשיקט זאגען פארן מלך, אז יודען האבען מורד געווען, און מען האט נישט געוואלט מקריב זיין זיין קרבן. און אויף דעם איז געקומען רוים, און באלאגערט ארץ ישראל, און זיי האבען געוואלט צוריק איינעמען ארץ ישראל.

**דאס** ארומרינגלען ירושלים האט געוּנומען דריי יאר, ביז מען האט געקענט אריינקומען און עס חרוב מאכען. עס איז געווען א פעסטע חומה, און פעסטע סאלדאטען. און זיי האבען נישט געקענט אריינקומען, ווייל עס איז געווען זייער גוט ארומגענומען. עס האט זיך אזוי געצויגן דריי יאר, וואס מען האט נישט געקענט אריינגיין און ארויסגיין פון שטאט. די שונאים זענען געווען אינדרויסן, און די יודען זענען געווען אינווייניג. און זיי זענען געווען אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט.

**ווען** עס האט זיך אנגעהויבן צו מאכען ענגשאפט אין ירושלים, איז געווען צוויי פארטייען, וואס מען דארף צו טון. עס איז געווען די חכמי ישראל פון איין זייט, און פון די אנדערע זייט זענען געווען די בריונים. די חכמי ישראל זענען געווען אינטער רבי יוחנן בן זכאי, ער איז געווען דער חשוב'סטער צווישן די חכמים. און ער האט געהאלטן, אז מיר זענען נישט בכח ארויסצוגיין מלחמה האלטען מיט די פיינט. קען זיין אז פיזיש זענען זיי געווען גענוג שטארק מלחמה צו האלטן מיט די פיינט. אבער ער האט געזען, אז דער חורבן איז אנגעגרייט. מען האט שוין געזען סימנים פון פארדעם, אז דער בית המקדש גייט חרוב ווערן, און עס וועט נישט זיין קיין צוהילף פון הימל, אז מען זאל זיגן די מלחמה. און אז מען קען נישט זיגען די מלחמה, האבען די חכמים געהאלטן, אז מען דארף שלום מאכען מיט די רומיים, און זיי זאגן מיר געבן זיך אינטער. זיי האבען נישט געוואלט חרוב מאכען דעם בית המקדש. זיי האבען נאר געוואלט, אז יודען זאלן זיך אינטערגעבן אינטער זיי. צאלען שטייער פאר זיי, און זיין אינטער זייער מלכות. און די חכמי ישראל האבען געהאלטן, אז מען דארף נישט מלחמה האלטען מיט זיי, מען דארף זיי ארייגלאזען אין שטאט, און עס איבערגעבן פאר זיי. נעמטס איבער וואס איר דארפט, און מיר וועלן זיין אינטערטעניגט אינטער ענק. און אויב מען וואלט געפאלגט וואס די חכמים זאגען, וואלט דער בית המקדש נישט חרוב געווארן בדרך הטבע. ווייל זיי האבען נישט געהאט קיין אינטערעסע חרוב צו מאכען דעם בית המקדש, נאר זיי האבען געוואלט מען זאל זיין נכנע אינטער זיי.

**די** בריונים האבען געהאלטן אנדערש. זיי האבען געהאלטן, אז מען טאר זיך נישט אינטערגעבן, און מען דארף ארויסגיין אין מלחמה. און זיי האבען געהאלטן, אז זיי קענען זיגן די מלחמה. דאס איז געווען די מחלוקת צווישן די בריונים, מיט רבי יוחנן בן זכאי און די חכמי ישראל.

**עס** איז נישט קלאר ווער די בריונים זענען געווען. א טייל זאגען אז די בריונים זענען געווען פשוטע רשעים, און עס האט זיי נאר אינטערעסירט די שטאלץ פון יודען, אז מען זאל זיך נישט אינטערגעבן אינטער א פרעמדע מלכות. אזוי ווי היינט ביי די רשעי ישראל, די זעלבע איז געווען ביי זיי. זיי ווילן זיך נישט אינטערגעבן, און וועגן דעם האבען זיי נישט געוואלט שלום מאכען מיט די רומיים. אטייל שרייבען אז עס איז געווען אסאך ערליכע צווישן די בריונים, וואס האבען זיך אנגענומען פארן כבוד פונעם בית המקדש. און זיי האבען געהאלטן, אז עס איז נישט קיין כבוד פאר ארץ ישראל, אז זיי זאלן זיין נכנע אינטער אומות העולם. און זיי האבען געקוקט די גוטע זייט דערפון, אז יודען זאלן קענען טון די עבודה אין בית המקדש אומגעשטערט פון די אומות העולם. אבער די חכמי ישראל האבען נישט אזוי געהאלטן, נאר זיי האבען געהאלטן אז עס וועט נישט זיין קיין סייעתא דשמיא, האבען זיי געזוכט שלום צו מאכען מיט די רומיים.

**איך** האב געהערט פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, וואס ער שרייבט, אז כאטש דעמאלטס איז נישט געווען א שבועה, אז מען טאר נישט מורד זיין אין די אומות, דאס איז נאר געווען שפעטער, ווען מען איז געגאנגען אין גלות (כתובות קיא.). אבער די סיבה פארוואס מען האט נישט געוואלט מיטהאלטן מיט די בריונים איז געווען, ווייל זיי זענען נישט געווען ערליך, און

די חכמי ישראל האבען געהאלטען, אז צוזאמען מיט נישט ערליכע, קען מען נישט געווינען א מלחמה. כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך (דברים כג-טו), מען דארף האבען סייעתא דשמיא פונעם אייבערשטען. און טאמער מען האלט נישט די תורה, קען מען נישט גיין צוזאמען מיט זיי, אפילו זיי וועלן קענען זיגן די מלחמה.

*

**אי' מלכא אנא, עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי.** די וועלט פארציילט פון **רבי אהרן קארלינער זי"ע**, אז איין יאר ווען ער האט געדאווענט ראש השנה פארן עמוד, און ווי דער סדר איז, אז ביי המלך שרייט מען הויך 'המלך'. האט ער געגעבן א געשריי 'המלך', און ער איז אוועקגעפאלען אין חלשות. האט מען אים געפרעגט נאכדעם, פארוואס ער איז אוועקגעפאלען אין חלשות. האט ער געזאגט, איך האב מיך דערמאנט אין די גמרא, אז רבי יוחנן האט געזאגט פאר אספסיינוס, אז ער איז א מלך. האט ער אים געפרעגט, אי' מלכא אנא, אז איך בין יא א מלך, עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי, ווי ביזטו געווען די אלע יארן ביז יעצט, פארוואס ביזטו ביז יעצט נישט געווען ביי מיר. איך האב געזאגט פארן רבש"ע, המלך, דער רבש"ע קען מיר צוריקפרעגן, אויב איך בין יא א מלך, ווי ביזטו געווען א גאנץ יאר. פון דעם האט איך געחלש'ט.

*

**איברא מלכא את, דאי לאו מלכא את, לא מימסרא ירושלים בידך, דכתיב והלבנון באדיר יפול וכו'.** די גמרא איז הפלא ופלא, מען זאל זיך פארשטעלן ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט. רבי יוחנן בן זכאי קומט אריין צו א גענעראל, און ער באגריסט אים. און ער זאגט אים, שלמא עלך מלכא, שלום פאר דיר קעניג. און ער ענטפערט אים, איך בין נישט קיין קעניג, דו מאכסט חוזק פון מיר. און רבי יוחנן זאגט אים, אז איך האב א פסוק אז דו ביזט א קעניג. עס האט פשט?! אפילו עס איז דא א פסוק והלבנון באדיר יפול, אבער למעשה איז ער דאך נישט קיין קעניג. און דא קומט רבי יוחנן בן זכאי, און ער זאגט אים, שלמא עלך מלכא, דו ביזט יא א מלך.

**וואס** זעהט מען פון דעם. אז אויב עס איז דא א פסוק, אז דער חורבן קען נישט געשען נאר דורך א מלך. איז געווען ביי רבי יוחנן בן זכאי אזוי פשוט, צו זאגען פאר אספסיינוס אין פנים, אז דו ביזט א מלך, אפילו ווען ער זעהט אז ער איז נישט קיין מלך, ווייל עס קען נישט זיין אנדערש. אויב עס שטייט אין פסוק, והלבנון באדיר יפול, מוז זיין אז דו ביזט א מלך.

**דאס** איז א ראיה אויף דעם, אז וואס עס שטייט אין חז"ל, דארף זיין ביי א מענטש פאר זיינע אויגען אזוי אמת'דיג, כאילו די זאך איז במציאות. און רבי יוחנן איז געווען גרייט זיך ארייןצולייגען אין א סכנת נפשות פאר דעם. ווייל ער האט דאך געוואוסט, אז טאמער מען טשעפעט, און מען זאגט אז ער איז א מלך, מאכט מען דאך פון אים געלעכטער, און ער קען אים הרג'ענען. אבער ער האט נישט געהאט קיין צל ספק אין דעם, אז ער איז א מלך, ווייל עס שטייט אזוי אין פסוק. און אז אין פסוק שטייט אזוי, מוז ער זיין א מלך.

*

**קרי' עליה רב יוסף, משיב חכמים אחור ודעתם יסכל** (ישעיה מד-כה), **איבעי ליה למימר ליה, שקלינן צבתא ושקלינן ליה וכו'.** לכאורה דארף מען פארשטיין, רבי יוחנן בן זכאי איז נישט געווען אזא חכם? ער האט נישט פארשטאנען די פשוטע תירוץ וואס רב יוסף זאגט. א יונגעלע פארשטייט עס אויך. אז מען וועט אים פרעגן, אויב עס איז דא א חבית מיט א שלאנג, און מען קען נישט צוקומען צו די חבית, וואס דארף מען טון. וועט ער ענטפערן צוברעך די חבית, אדער זיך א וועג אראפצונעמען די שלאנג דערפון. און פארוואס ווען אספסיינוס האט אים געזאגט, דו פארענטפערס'ט זיך, אז דו האסט נישט געקענט צוקומען, ווייל די בריונים האבען נישט געלאזט. וואלסטו געדארפט חרוב מאכען די שטאט, און אזוי

ארויסקומען צו מיר. פארוואס האט אים רבי יוחנן בן זכאי נישט געענטפערט די תשובה.

**עס** איז דא זייער א שיינע פשט פונעם **בן איש חי** (בספרו **בן יהוידע**). עס איז אמאל געווען א מעשה מיט א מלך, וואס האט געקענט זייער גוט שיסן, און צילען אלץ אויפן ריכטיגן פלאץ. על כל פנים אזוי האט ער געהאלטן, אז ער איז זייער א גוטער צילער. אבער עס איז געווען איינער, וואס איז געווען אויסגעצייכנט אין דעם. וואס אייביג ווען ער האט געשאסען, האט ער געקענט שיסען ממש אינעם ריכטיגען פלאץ. און דער מלך האט אמאל געוואלט ווייזען זיין חכמה, ווי גוט ער קען אויך צילען. האט ער באשטעלט דעם מומחה, אז ער זאל קומען צוזאמען מיט אים. און דער מלך וועט שיסען, און ער וועט שיסען, וועט מען זעהן ווער עס קען בעסער שיסען.

**דער** מומחה האט פארשטאנען, אז עס איז דא א פראבלעם, וואס ער זאל טון. זאל ער זיגען דעם מלך, איז דאך א פראבלעם. זאל ער נישט זיגען, וועט דאך אויסקוקען אז ער קען טאקע נישט. וואס פאר א עצה געט ער זיך דא מיטן מלך. ווען ער איז אנגעקומען צום מלך, איז מען געגאנגען, און מען האט געמאכט א רינג, ווי דער סדר איז, און מען דארף פראבירן אריין שיסען אין דעם רינג וואס מען האט געמאכט. האט ער מכבד געווען דעם מלך זאל שיסען, און דער מלך האט געשאסען צען פיילען, און אלעס האט געכאפט אין דעם רינג וואס מען האט געמאכט. נאר עס איז נישט געווען ממש אינעם זעלבען לאך, אזא גוטער צילער איז ער נישט געווען. איינס איז אלץ געווען אפגעריקט פונעם צווייטן, אבער ער האט געווינען, ווייל אלע צען פיילען האט ער געשאסען אינעם זעלבען רינג.

**יעצט** איז געקומען די רייע אויף דעם גוטן צילער, ער האט דאך נישט געוואלט פארשעמען דעם מלך. איז ער געגאנגען, און ער האט געשאסען אביסל אהינציר פונעם פלאץ וואס מען האט אויסגעשטעלט, און ער האט געשאסען איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל, און אלע צען פיילען זענען געפאלען אין דעם זעלבען פינטל ווי ער האט געוואלט. ווען מען איז ארויסגעקומען, און מען האט געפרעגט ווער עס האט געזיגט. האט מען געזאגט, אז דער מלך האט געזיגט, ווייל דער צילער האט נישט געקענט שיסען געהעריג קיין איין פייל, קיין איין פייל איז נישט געלונגען אין דעם פלאץ וואס מען האט אנגעשטעלט. אלעס איז געלונגען אינדרויסן.

**ווען** מען איז אהיים געקומען, האט דער מלך פארשטאנען וואס דא איז געווען. ווייל אויב ער האט געקענט צילען, אז אלע צען זאלען פאלען אויפן זעלבען מקום. וואלט ער דאך געקענט צילען אויפן ריכטיגען פלאץ אויך. נאר וואס דען, ער האט חס געווען אויפן כבוד פונעם מלך, אז דער מלך זאל נישט פארשעמט ווערן, און וועגן דעם, איז ער געגאנגען און ער האט געשאסען אביסל אינדערזייט, אז עס זאל נישט פאלען אינמיטן. אבער צו ווייזען, אז ער האט עס געקענט טון, האט ער געשאסען אלע צען, אז עס איז געפאלען אין דעם זעלבען לאך.

**דער** אספסיינוס איז געבליבן חוזק. ער האט געזאגט אז רבי יוחנן איז מחויב מיתה, ווייל ער איז נישט קיין מלך, און רבי יוחנן האט אים געענטפערט, אז ער איז יא א מלך, איז ער דאך אדורכגעפאלען. נאכדעם האט ער אים געזאגט, אז ער איז מחויב מיתה, ווייל אויב איך בין א קעניג, פארוואס ביזטו נישט געקומען צו מיר ביז יעצט. און ער איז ווייטער אדורכגעפאלען, ווייל ער האט אים געזאגט, אז איך בין געווען ארומגענומען מיט בריונים, האב איך נישט געקענט קומען. ער האט אים שוין צוויי מאל מחייב געווען מיתה, און יעצט האט ער פארלוירען אלע צוויי סיבות, פארוואס ער איז מחויב מיתה. דער אספסיינוס האט דאך געוואלט ארויסקומען מיט עפעס א תירוץ, ער איז דאך געווען א פריץ, האט ער אים געוואלט אפווענדען זיין תירוץ, אז ער איז נישט גערעכט. ווייל מען וואלט געדארפט צוברעכן דעם חבית. ער האט אליין געוואוסט, אז דער תירוץ איז נישט קיין תירוץ, נאר ער האט נישט געקענט

בלייבען חוזק, אז ער זאגט אים גארנישט צוריק, האט ער אים געמוזט עפעס זאגען.

**רבי** יוחנן בן זכאי האט פארשטאנען, אז אספסיינוס ווייסט אויך דעם תירוץ, און ער איז נישט גערעכט. נאר ער האט געזוכט א וועג, ווי אזוי ער זאל קענען ארויסקומען פון דא גערעכטערהייט. און אויב ער וועט צוריקענטפערן, וועט ער דאך בלייבען חוזק, אז ער האט נישט וואס צו ענטפערן. איז ער געבליבן שטיל, און ער האט אים נישט געענטפערט. רעדט דיך איין, אז דו האסט געווינען דעם שמועס. און דאס אליין איז געפעלן פאר אספסיינוס, דאס וואס ער האט אים נישט געענטפערט, און ער האט אים געלאזט בלייבען ביי זיינס, אקעגן די אלע פריצים וואס זענען דארט געווען, וואס זיי האבען פארשטאנען, אז אספסיינוס האט געווינען. רבי יוחנן האט נישט געענטפערט וועגן דעם, ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן, נאר דאס איז אויך געווען מיט חכמה, אז ער זאל אים נישט אפווענדען אינגאנצן.

*

**אדהכי אתא פריסתקא עליה מרומי, אמר ליה קום, דמית ליה קיסר, ואמרי הנהו חשיבי דרומי לאותיבך ברישא.** יעצט האט מען שוין געזעהן, אז עס איז אמת, אז ער איז מלך. אזוי ווי רבי יוחנן האט אים פריער געזאגט, אז ער מוז זיין א מלך. און עס איז נאך שטערקער, נישט נאר אז ער איז יעצט געווארן א מלך, נאר עס האט דאך גענומען א פאר טאג צו קומען פון רוים ביז אהער. און באמת איז דער קיסר שוין געשטארבען מיט א פאר טאג פריער, נאר זיי האבען נישט געוואוסט. און א פאר טאג פריער, האט מען אים שוין ממנה געווען, אז ער וועט זיין דער קומענדיגער מלך. און ווען רבי יוחנן האט אים געזאגט שלמא עלך מלכא, איז ער שוין טאקע געווען דער מלך, נאר ער האט אליין נישט געוואוסט, אז ער איז שוין דער מלך.

*

**הוה סיים חד מסאני וגו', א"ל לא תצטער, שמועה טובה אתיא לך וגו'. מאי תקנתיה, ליתי איניש דלא מיתבא דעתך מיניה, ולחליף קמך וכו'.** דאס איז א מוסר השכל פון א גוי. דער גוי איז יעצט נתעלה געווארן, ער איז געווארן א מלך. ער האט א געוואלדיגע שמחה, אז עס איז אים פעט געווארן די ביינער פון די שמחה, אז מען האט אים אויפגענומען אלץ מלך, פאר אזויפיל מיליאנען מענטשען. און ווי אזוי נעמט מען אוועק פון אים די שמחה, אז מען וועט אים ברענגען איין שונא, וואס ער האט אויף אים א שווער הארץ, דאס וועט אים אזוי אוועקנעמען דעם אפעטיט, אז די גאנצע שמחה וואס ער האט געהאט, פון דעם אז ער איז געווארן א מלך, וועט עס אים דער שונא אוועקנעמען. דאס קען נאר זיין ביי א גוי, וואס די קנאה איז ביי אים אזוי גרויס, אז וואס מען זאל אים נאר זאגען, עס קען זיין די גרעסטע שמחה, אויב איז דא איין קלייניגקייט וואס איז נישט אזוי ווי ער וויל, מאכט עס אים קאליע זיין גאנצע שמחה.

**ווי** נאך געפונט מען אזוי, ביי המן. המן איז געווען דער גרעסטער מענטש נאך אחשורוש. אחשורוש איז געווען א מלך אויף הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות, מיליאנען מענטשען, און כל עבדי המלך כורעים ומשתחוים להמן, יעדער וואס איז געווען א עבד פונעם מלך, האט זיך געדארפט בוקען צו המן. און וואס זאגט המן, וכל זה איננו שוה לי, בכל עת אשר אני רואה את מרדכי היהודי. איין יוד, וואס ווען איך גיי אדורך, בוקט ער זיך נישט צו מיר, קען איך נישט אויסהאלטען. און ער וועט אלעס חרוב מאכען וועגן דעם. וואס אַהרט דיך. מיליאנען מענטשען בוקען זיך יא פאר דיר. איז דא איינער וואס בוקט זיך נישט, איז עס עק וועלט?! יא, א גוי קען נישט, אויב עס איז דא איינער וואס בוקט זיך נישט, וכל זה איננו שוה לי, איז עס מיר גארנישט ווערט.

**דאס** זעלבע איז געווען דא ביי אספסיינוס אויך. מען זאגט אים א גוטע בשורה, אז דו ווערסט א מלך. ווי אזוי נעמט מען אוועק די גוטע בשורה. (איין אייז קריעם אז מען נעמט אים אוועק, איז

שוין גארנישט ווערט די גאנצע שמחה). איין שונא איז אדורכגעגאנגען, האט ער צוגענומען פון אים די גאנצע גליק וואס ער האט געהאט. און עס איז אים צוריקגעגאנגען די פוס אויפן פלאץ, און ער קען שוין אנטון די שיך.

*

**ואסוותא דמסיין ליה לרבי צדוק.** די גמרא דערציילט (עמוד א') אויף רבי צדוק, אז ער האט געפאסט פערציג יאר, אז ירושלים זאל נישט חרוב ווערן. אזוי ווייט, אז ער איז איינגעגאנגען, און מען האט געזוכט א דאקטער זאל אים היילען. עס איז דא א שיין ווארט פונעם **תפארת שלמה** (פ' דברים ד"ה מה שמובא), אז לכאורה זעהט מען דאך, אז עס האט נישט געהאלפען, און דער בית המקדש איז חרוב געווארן, קומט אויס אז ער האט אומזיסט געפאסט פערציג יאר.

**זאגט** ער, אז רבי צדוק האט געוואוסט, אז דער בית הקדש דארף חרוב ווערן. רבי יוחנן בן זכאי האט דאך אויך אזוי געזאגט, עס איז אנגעקומען די צייט, ומפני חטאינו גלינו מארצינו. נאר דאס וואס ער האט געפאסט פערציג יאר, האט ער יעדען טאג געפאסט פאר דעם היינטיגן טאג. אז היינט זאל עס נישט חרוב ווערן. עס זאל אויפגעהאלטן ווערן דער בית המקדש אויף נאך א טאג. אזוי האט ער געפאסט איין טאג, און נאך א טאג, און אזוי האט ער אפגעשטופט דעם חורבן אויף פערציג יאר שפעטער.

**און** דער **תפארת שלמה** ענדיגט אויף דעם, אז דאס איז א געוואלדיגע נקודה פאר א עובד ה'. א מענטש זוכט אסאך מאל מדריגות, ער נעמט זיך פאַר א זאך, אויף א וואך אדער אויף א חודש וכדומה. און א סאך מאל פילט ער, אז עס איז צו שווער פאר אים. איך וועל ממילא נישט אנהאלטען מיט די זאך א לענגערע צייט, איך בין נישט פאר דעם געשטעלט. א מענטש דארף נעמען יעדען טאג עקסטער פאר זיך. היינט קען איך לערנען, היינט קען איך דאווענען, היינט גיי איך זיך נישט בייזערן. אויף איין טאג קען זיך א מענטש קאנטראלירן, און זיך צוריקהאלטען און זיך פירן אויפן ריכטיגען וועג. ווען עס גייט אדורך נאך א טאג, דארף ער מתפלל זיין פארן איבערשטען אויף דעם אנדערן טאג, דעם טאג אליין, זאל מיר דער רבש"ע געבן, אז איך זאל היינט נישט טון קיין עבירה, און איך זאל מיך פירן ערליך. און אזוי דארף א מענטש בעטן דבר יום ביומו, בעטן יעדן טאג אויפן היינטיגן טאג. אזוי ווי רבי צדוק האט מתפלל געווען, אז דער חורבן זאל נישט געשען אינעם היינטיגן טאג, און אויף דעם אליין האט ער געפאסט א תענית.

**איך** האב געזען שטיין, אז די תפלה פון רבי צדוק האט אזויפיל אויפגעטון, אז ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, זענען די יסודות איבערגעבליבן, און דאס האבען זיי נישט געקענט חרוב מאכן. ערו ערו עד היסוד בה (תהלים קלז-ז), הנה זה עומד אחר כתלנו (שיר ב-ט), עס איז געבליבן די כותל המערבי, א חלק פונעם חומה פונעם הר הבית, וואס אין מדרש (שמו"ר ב-ב) שטייט, אז די שכינה איז געבליבן רוען אויפן כותל המערבי. און דאס אלעס איז געבליבן נאר מכח דעם, וואס רבי צדוק האט מתפלל געווען, אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. איז אפילו דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז כאטש געבליבן א חלק פון די קדושה פונעם בית המקדש. די יסודות זענען געבליבן, דער כותל המערבי איז געבליבן, עס זאל איבערבלייבן א חלק פונעם בית המקדש.

**אויף** דעם זאגט דער פסוק (תהלים יא-ג) כי השתות יהרסון צדיק מה פעל. די יסודות ווערן אנגערופען השתות. כי השתות יהרסון, אויב עס וואלטן חרוב געווארן די השתות, די יסודות פונעם בית המקדש. צדיק מה פעל, וואלט דער צדיק, וואס האט געפאסט אזויפיל יארען אויפן חורבן בית המקדש גארנישט אויפגעטון. האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט די השתות, כדי עס זאל בלייבען א חלק פון די קדושה פונעם בית המקדש לדורות.

*

**תן לי יבנה וחכמיה, ושושילתא דרבן גמליאל, ואסוותא דמסיין ליה לרבי צדוק.** וואס עפעס די דריי זאכען. די ערשטע צוויי איז

פארשטענדליך. רבי יוחנן האט פארשטאנען, אז דא גייט זיין א חורבן. מען האט זיי באלאגערט, והלבנון באדיר יפול, דער בית המקדש גייט חרוב ווערן, און עס גייט נישט זיין קיין ירושלים. ער האט שוין געזען דעם גאנצע חורבן פאר זיך, איזהו חכם הרואה את הנולד. און זיין בליק איז געווען, וואס טוט מען נאכען חורבן. ווי אזוי גייט מען אויפבויען דעם כלל ישראל. אויב מען וועט אויסהרג'ענען אלע צדיקים און חכמי ישראל, וואס וועט זיין מיט דעם דור שפעטער. און זיין בליק איז געווען, וואס קען מען פועל'ן ביי דעם אספסיינוס, אז אויפען קומעדיגען דור, זאל מען קענען צוריק אויפבויען יודישקייט. וואס דאס וועט שוין קיין סאך נישט אינטערעסירן פארן מלך, ער האט שוין חרוב געמאכט ארץ ישראל, און מיט דעם האט ער שוין אלעס געזיגט.

**איז** רבי יוחנן געקומען זוכען א וועג וואס ער קען טון. האט ער געבעטן, תן לי יבנה וחכמיה, לאז מיר איבער איין שטאט מיט חכמי ישראל. אז עס וועט זיין איין שטאט מיט חכמי ישראל, וועלן זיי זיך א עצה געבן נאכן חורבן, און זיי וועלן אויפבויען די תורה שפעטער. ווען דער חורבן וועט אדורכגיין, וועט מען דאך דארפען צוריק אויפשטעלן דעם שלטון פון בית דוד, און מען וועט דארפען האבן א נשיא פון בית דוד. האט ער געבעטן, לאז מיר איבער די שלשלת פון רבן גמליאל. די צוויי זאכען, זענען געווען יסודות'דיגע זאכען, וואס מען דארף צוגרייטען אויף נאכן חורבן.

**נאכדעם** האט ער געבעטן א פריוואטע זאך, וואס עס איז לכאורה נוגע נאר פאר איין מענטש. געב מיר א דאקטער צו היילן רבי צדוק. וואס לכאורה איז עס נישט בערך פון די פריערדיגע שאלות, וואס ער האט געבעטן. קודם האט ער געבעטן יסודות'דיגע זאכען, וואס עס איז נוגע פארן גאנצן כלל ישראל, און נאכדעם האט ער געבעטן א פריוואטע זאך, א דאקטער פאר רבי צדוק.

**האב** איך געזען שטיין דערויף זייער שיין. דער רבי צדוק האט געפאסט פערציג יאר פארן חורבן פון בית המקדש. רבי יוחנן בן זכאי האט פארשטאנען, אז נאכדעם וואס עס וועט אדורכגיין דער חורבן, און מען וועט דארפן צוריק אויפשטעלן כלל ישראל, מוז מען זעהן א דמות פון א יוד, וואס האט געפאסט פערציג יאר פארן חורבן פון בית המקדש. עס איז א חלק פון אויפבויען דעם קומענדיגען דור. אז מען זאל קענען אהערשטעלן א נייעם דור, נאכען חורבן פונעם בית המקדש, מוז מען האבען פאר זיך א בילד פון שיירי כנסת הגדולה. האט ער געבעטן, געב מיר א דאקטער אויסצוהיילען דעם רבי צדוק. אז מען זאל קענען ווייזען שפעטער פאר די דורות, ווער איז געווען דער רבי צדוק, וואס האט געפאסט אזויפיל, וועגן חורבן פון בית המקדש.

**און** מען זעהט, ביי אלע חורבנות וואס איז געווען ביי כלל ישראל, איז אזוי געווען, אז דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט זקני וחכמי ישראל. עס איז געווען א חורבן אויף איין פלאץ, מען האט אויסגע'הרג'ט אין יוראפ כמעט אלע גדולי ישראל וואס זענען געווען דארט, און עס זענען איבערגעבליבן נאר די גדולים פון אנדערע מדינות. אבער פון דעם מקום אליין, האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט אפאר צדיקים און חכמי ישראל, וואס זיי זאלן קענען שפעטער אויפשטעלן יודישקייט. אין אונזער דור על כל פנים, האט מען נאך געזען צדיקים, וואס זענען געבליבן פונעם פריערדיגען דור, וואס דאס איז געווען די אסוותא דרבי צדוק. עס איז נאך געבליבן יודען, ארגינעל אזוי ווי עס איז געווען פון פריער, כדי מען זאל האבען א דמות, מען זאל האבען א השגה, ווי אזוי עס האט אמאל אויסגעקוקט א גדול בישראל, וואס מען זאל דאס קענען איבערגעבן פאר די שפעטערדיגע דורות. און דאס איז געווען די הצלה, וואס רבי יוחנן האט פארשטאנען, אז מען דארף האבען אזא רבי צדוק פארן כלל ישראל שפעטער.